בעזהשי"ת

# ספר
# קב הישר
## השלם
## אַ לעבענס-וויכטיג ספר
## פאַרן נפש און נשמה

❖

## סדר דברים

❖

וואס עס האָט פארפאסט דער הייליגער רב, געלערנטער מאַן, באוואוסט אין אַלע חכמות און סודות התורה, געלענציגער מוכיח און בעל-מופת, געהויבענער צדיק, געטליכער מקובל.

**מוהר"ר צבי הירש קאיידנאוור זצוק"ל**
**פון דער קהילה פראנקפורט דמיין**

**אין אידישער איבערזעצונג**
איבערגעאַרבעט לויט די היינטיגע אידישע שפּראַך

יוצא לאור
שנת תשס"א לפ"ק
פה ברוקלין יצ"ו

## לוח לפי סדר הפרשיות של כל השנה

### סדר בראשית

1. בראשית פרק א-ב
2. נח פרק ג-ד
3. לך-לך פרק ה-ו
4. וירא פרק ז-ח
5. חיי-שרה פרק ט-י
6. תולדות פרק יא-יב
7. ויצא פרק יג-יד
8. וישלח פרק טו-טז
9. וישב פרק יז-יח
10. מקץ פרק יט-כ
11. ויגש פרק כא-כב
12. ויחי פרק כג-כד

### סדר שמות

13. שמות פרק כה-כו
14. וארא פרק כז-כח
15. בא פרק כט-ל
16. בשלח פרק לא-לב
17. יתרו פרק לג-לד
18. משפטים פרק לה-לו
19. תרומה פרק לז-לח
20. תצוה פרק לט-מ
21. כי-תשא פרק מא-מב
22. ויקהל פרק מג-מד
23. פקודי פרק מה-מו

### סדר ויקרא

24. ויקרא פרק מז-מח
25. צו פרק מט-נ
26. שמיני פרק נא-נב
27. תזריע פרק נג-נד
28. מצורע פרק נה-נו
29. אחרי פרק נז-נח
30. קדושים פרק נט-ס
31. אמור פרק סא-סב
32. בהר פרק סג-סד
33. בחקותי פרק סה-סו

### סדר במדבר

34. במדבר פרק סז-סח
35. נשא פרק סט-ע
36. בהעלותך פרק עא-עב
37. שלח פרק עג-עד
38. קרח פרק עה-עו
39. חוקת פרק עז-עח
40. בלק פרק עט-פ
41. פנחס פרק פא-פב
42. מטות פרק פג
43. מסעי פרק פד

### סדר דברים

44. דברים פרק פה-פו
45. ואתחנן פרק פז-פח
46. עקב פרק פט-צ
47. ראה פרק צא-צב
48. שופטים פרק צג-צד
49. תצא פרק צה-צו
50. תבא פרק צז-צח
51. נצבים פרק צט
52. וילך פרק ק
53. האזינו פרק קא

54 ברכה פרק קב

בס"ד

**דער ספר קב הישר איז געטיילט לויט פרקים, לויטן סדר הפרשיות פון יאָר, כדי צו קענען ענדיגן דעם ספר יעדעס יאָר, דורך לערנען יעדע וואך צוויי פרקים.**

❖❖❖

**ערליכע אידן פלעגן האלטן דעם ספר "קב הישר" אין זייער טלית-בייטל, און אזוי קען מען לייכט משלים זיין באלד נאכן דאווענען יעדן טאג לויט'ן סדר פון יענע פרשה.**

❖❖❖

# אינהאַלט פון די פרקים

## לויטן סדר פון די פרקים - פון סדר דברים

**פה.** נטילת ידים אינדערפרי ביים אויפשטיין. - מ'זאָל נישט צובינדן דעם קלייד אַרום די לינקע האַנט, כדי צו ווייזן די חביבות פון מצות תפילין. - אַ תפילה נאָך ברכת ציצית, ניצול צו ווערן פון קנאה, שנאה און כעס. - דער חיוב אַרויסצוגיין פון הויז אָנגעטוהן אין טלית און תפילין, און ספעציעלע תפילות צו זאָגן ביים אַרויסגיין פונעם הויז. - דער מענטש זאָל מתפלל זיין אויף פרנסה אויף אַ היתר'דיקן וועג, פון דעם אויבערשטן און נישט פון מענטשן. - אַ מעשה פון זוהר ווי ווייט די חז"ל זענען געווען נזהר צו זיין נהנים מיגיע כפם.

**פו.** די ימים טובים ווייזן אויף די חשיבות פון אידן קעגן די אומות העולם. -די וויכטיקייט פון זאָגן די פיוטים. - אַ מעשה פון רבי שלמה גבירול ז"ל. -הזכרת נשמות דעם לעצטן טאָג פון יום טוב. - דער נס וואָס איז פאָרגעקומען אין בית המקדש "עומדים צפופים ומשחוים רווחים", ווייל דער בית המקדש של מעלה איז אַראפגעקומען אנשטאט דעם בית המקדש של מטה, מיט די נשמות פון די אבות און די צדיקים.

**פז.** די מצוה פון געבן צדקה לעילוי נשמתם פון די נפטרים. - די וויכטיקייט פון קבלת פני רבו אין אַ יום טוב. - מ'זאָל זיין געוואָרנט צו געבן פאַר די אָרימעלייט פון די סעודות יום טוב. - דברי תורה בשעת די סעודה. - דער וואָס בענטשט ברכת המזון מיט כוונה, וועט זוכה זיין צו

הערן ברכת המזון פון דוד המלך ע״ה ביי די סעודה וואָס דער אויבערשטער וועט מאַכן פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. -נישט מפסיק צו זיין צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, און אַ מעשה דערויף פון די צייטן פונעם אריז״ל.

**פח.** חודש ניסן איז דער קעניג איבער די אַנדערע חדשים, ווייל דאַן לייכט דער שם הוי׳ ב״ה כסדרו. - אין די חדשים ניסן און תשרי דאַרפן מיר מתפלל זיין פאַר די נשמות, ווייל זיי זענען דאַן מתפלל פאַר אונז. - אַ טעם פאַרוואָס מען גייט צום בית הקברות ערב ראש השנה און ערב יום כיפור. - דער ענין פון זאָגן די צוועלף נשיאים אין די ערשטע טעג פון חודש ניסן, און די תפילה וואָס מ׳זאָגט דערויף. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס. - אין חודש ניסן פאַנגען אָן די גראָזן צו וואַקסן, דעריבער דאַרף מען דאַן מתקן זיין די נשמות וואָס געפינען זיך דאָרט. - ניסן איז אַ צייט פאַר תשובה אַזוי ווי תשרי.

**פט.** די ספעציעלע שמירה וואָס מ׳דאַרף האָבן ביי מצה, און דער סוד פון איסור חמץ במשהו. - די הכנות צום יום טוב פסח. - דער ענין פון ״מים שלנו״. -פאַרוואָס מען באַהאַלט צען שטיקלעך חמץ פאַר בדיקת חמץ. - מען זאָל גוט בודק חמץ זיין, און וואָס מען זאָל מכוון זיין ביי בדיקת חמץ.

**צ.** דער האַרבער איסור פון עסן חמץ נאָכן זמן. - מיט די טירחות אויף דעם יום טוב פסח, הרג׳עט מען די מזיקים וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון פגם הברית רח״ל. - די וויכטיקייט זיך מטהר צו זיין לכבוד יום טוב. - פאַרוואָס מען לייגט שטיקלעך פון די הושענא אויפ׳ן פייער ביים

פאַרברענען דעם חמץ. - די תיקונים פון די סדר-נאַכט, און די גרויסקייט פון סיפור יציאת מצרים. - מען זאָל זאָגן פאַמעלעך און מיט כוונה די הגדה, און דער שכר דערפאַר.

**צא.** די כוונה פון פסוק "גם צפור מצאה בית" וגו'. - אין חודש ניסן ווערן די אידן געלויבט דורך די נשמות אין הימל. - די מעלה פון די צדיקים וואָס האָבן זוכה געווען צו קינדער תלמידי חכמים. - די טירדות פאַר'ן יום טוב פסח ווערן גערעכנט ווי אַ באַזונדערע מצוה. - אין פסח איז מען דן דעם מענטש אויב ער האָט מקיים געווען די מצוה פון צדקה אַ גאַנץ יאָר. - דער חיוב וואָס ליגט אויף די גבאים פון צדקה צו געבן קמחא דפסחא און אַנדערע צרכי החג פאַר די אָרימעלייט. - מעשיות פון דער גמרא און פון זוהר. - אַ טעם פאַרוואָס די גבאי צדקה ווערן צוגעגליכן צו די שטערן.

**צב.** די 49 טעג פון ספירת העומר אלס הכנה צום הייליקן יום טוב שבועות. - אין יום טוב שבועות האבן די אידן זוכה געווען אריינצוקומען אין פופציקסטן שער פון די שערי קדושה. - דער קרבן עומר וואס די אידן האבן מקריב געווען אין מדבר. - פארוואס דער יום טוב שבועות האט נישט זיבן טעג. - די גרויסקייט פון זאגן תיקון ליל שבועות.

**צג.** אַ טעם פאַר דעם וואָס "אסור לאדם למלא שחוק פיו בעולם הזה". - וואָס דאָס האַרץ, לעבער און מילץ פון דעם מענטש זענען מרמז. - דער גרויסער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דאָס פאַרגאָסענע אידישע בלוט. - אַ מעשה פון דעם בעל מחבר ספר "תיקוני שבת" וואָס ער האָט זוכה געווען צו זעהן די

שכינה ביים כותל מערבי. - וואס דער אריז"ל האָט געזאָגט אויף אים.

**צד.** די גרויסע ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו די אידן, וואָס ער נידערט אַראָפּ כביכול צו זיין מיט זיי אין גלות. - גלות מצרים און גלות בבל. - די גרויסע יסורים וואָס די אידן ליידן אין גלות, און דער חיוב אָנצונעמען באהבה די יסורים. - דער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש, באַזונדערס אין די טעג פון בין המצרים.

**צה.** אַ טעם פאַר אָנהויבן בויען די סוכה מוצאי יום כיפור. - דער וואָס איז מקיים געהעריג מצות סוכה, איז מבטל דעם כח פון די קליפות. - דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער וועט פּרובן די אומות העולם לעתיד לבוא דורך מצוות סוכה. - די צוויי שמות הקדושים וואָס זענען מרומז אין סוכ"ה. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס גייען אַרויס פון דער סוכה באַלד נאָך די ברכה פון "לישב בסוכה".

**צו.** דער ענין פון נס חנוכה. - א מעשה פון מהרש"ל וועגן די קדושה פון מצוה-ליכט. - די כוונה אין די ברכות וואָס מ'מאַכט ביי די חנוכה ליכט. - די קדושה פון די שמשים ביי די חנוכה-ליכט, וואס זענען ענליך צו דעם כהן גדול וואס האט אָנגעצונדן די מנורה אין בית המקדש.

**צז.** עטליכע טעמים פאַר תענית אסתר. - די גרויסקייט פון זאָגן סליחות ברבים תענית אסתר. - אין תענית אסתר ווערן אונזערע תפילות אָנגענומען אין זכות פון מרדכי און אסתר, און דער וואָס דאַרף האָבן רחמים אויף אַ געווויסע זאַך, זאָל מתפלל זיין אין דאָזיקן טאָג. - אין 16-טן טאָג פון חודש ניסן זאל מען עוסק זיין אין די ענינים

פון קמיצה, אַזוי ווי מרדכי האָט געטוהן בשעת דעם נס. - די טעג פון פורים זענען ימי הרצון, ווען דער אויבערשטער דערפילט אַלע בקשות פון די אידן.

**צח.** אַ טעם פאַרוואָס די צדיקים ווערן צוגענומען צוליב די זינד פונעם דור. - די כוונה פון פסוק "ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו" וגו'. - פאַרוואָס אחשוורוש האָט איינגעלאַדן די אידן צו דער סעודה. - אַ וואָרענונג נישט נהנה צו זיין פון די סעודות פון די אומות העולם, אַפילו אויב די מאכלים זענען כשר. - דער זאַק וואָס מרדכי האָט אָנגעטוהן. - נאָך אַ טעם פאַר תענית אסתר.

**צט.** אין יעדן וואָרט פון דער מגילה איז דאָ אַ קדושה, און דעריבער זאָל מען עס לייענען פּאַמעלעך, נישט שנעלערהייט. - וואָס דער אריז"ל שרייבט וועגן דעם וואָס אסתר האָט געזאָגט "א-לי א-לי למה עזבתני". - די מעלה פון ענטפערן אמן. - עס איז דאָ איין עולם וואָס ווערט אַנטדעקט נאָר ביי מגילה-לייענען. - די כוונה פון די ברכה "על מקרא מגילה". - די צוגרייטונגען צו פורים, און דער ענין פון גיין אין מקוה פאַר מען גייט אין שוהל אַריין. - אַ טעם פאַרוואָס המן הרשע האָט אויסגעקליבן חודש אדר דווקא. - דער הייליגער מנהג פון קלאַפּן ווען מען דערמאנט דעם נאָמען פון המן הרשע.

**ק.** די גוטע מעלה פון תמימות. - פאַרוואָס מען טאָר נישט אַדורכגיין פאַר אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה עשרה, און אויך נישט צו שטיין אונטער דעם רבי'ן ביים דאַווענען. - דער סוד פון דעם מאמר חז"ל אַז דער אויבערשטער האָט נישט אין זיין וועלט נאָר די פיר איילן פון הלכה. - די

וויכטיגקייט פון משא ומתן באמונה. - דער עיקר איז די אויפפירונג פון אַ מענטש אין ענינים פון געלט, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - אַן אזהרה נישט מאריך צו זיין ביים דאַוונען מער ווי דער ציבור.

**קא.** דער גרויסער שכר פון די וואס זענען מוכיח דעם ציבור און זענען מזכה את הרבים. - פאַרוואָס דער מחבר האָט מחבר געווען דעם ספר "קב הישר".

**קב.** אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווי השם יתברך האָט געמאַכט פאַר אדם הראשון מיט זיין ווייב חוה העמדער פון פעל - דער בית המקדש וועט שטיין אויף פיר בערג: באַרג סיני, באַרג כרמל, באַרג תביר, באַרג חרמון - דער דריטער בית המקדש וועט אַראָפּקומען פון הימל פאַרטיגערהייט.

❖ ❖ ❖

בעזרת השם יתברך

# פרק פה-פו

## דברים

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

נטילת ידים אינדערפרי ביים אויפשטיין. - מ'זאָל נישט צובינדן דעם קלייד אַרום די לינקע האַנט, כדי צו ווייזן די חביבות פון מצות תפילין. - אַ תפילה נאָך ברכת ציצית, ניצול צו ווערן פון קנאה, שנאה און כעס. - דער חיוב אַרויסצוגיין פון הויז אָנגעטוהן אין טלית און תפילין, און ספעציעלע תפילות צו זאָגן ביים אַרויסגיין פונעם הויז. - דער מענטש זאָל מתפלל זיין אויף פרנסה אויף אַ היתר'דיקן וועג, פון דעם אויבערשטן און נישט פון מענטשן. - אַ מעשה פון זוהר ווי ווייט די חז"ל זענען געווען נזהר צו זיין נהנים מיגיע כפם.

די ימים טובים ווייזן אויף די חשיבות פון אידן קעגן די אומות העולם. -די וויכטיקייט פון זאָגן די פיוטים. - אַ מעשה פון רבי שלמה גבירול ז"ל. -הזכרת נשמות דעם לעצטן טאָג פון יום טוב. - דער נס וואָס איז פאָרגעקומען אין בית המקדש "עומדים צפופים ומשחוים רווחים", ווייל דער בית המקדש של מעלה איז אַראפגעקומען אנשטאט דעם בית המקדש של מטה, מיט די נשמות פון די אבות און די צדיקים.

# אינהאלט
## פון פרקים פ״ה - פ״ו


**א.** אין פרק פ״ה ווערט ערקלערט: נטילת ידים אינדערפריביים אויפשטיין ..... ה

**ב.** זיין געוואָרנט נישט צו צימאַכען די העקלין פון די העמד פון די לינקע האַנד ..... ה

**ג.** פאַרן אַריין גיין אין שול זאָל מען זאָגן ״זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ״ ..... ח

**ד.** סיי גוטס און סיי שלעכטס איז דער מענטש מעורר דורך זיינע מעשים ..... ח

**ה.** עס איז נישט ראוי צו נעמען פון זיי קיין געלט אומזינסט ..... ט

**ו.** רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט אויף רבי יועזר ״ואתה תגיל בה׳ בקדוש ישראל תתהלל״. ..... י

**ז.** אין פרק פ״ו ווערט ערקלערט: די געוואַלדיגע נחת רוח וואָס מען האָט אין הימל בשעת׳ן זאָגן פיוטים ..... יג

**ח.** דער וואָס זאָגט אַז עס איז נישט קיין גרויסער חיוב צו זאָגען פיוטים, דער איז נישט מאריך ימים חס ושלום ..... יג

**ט.** אַ מורא׳דיגע מעשה וועגן ר׳ שלמה אלקב״ץ ..... יד

**י.** עס איז גוט אינזינען צו האָבן דעם נאָמען פון דעם מחבר בשעת׳ן זאָגן דעם פיוט ..... טו

**יא.** עס איז אַ גוטער מנהג דעמאָלטס מזכיר נשמות זיין ..... טו


❖ ❖ ❖

# פרק פ"ה

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: נטילת ידים אינדערפרי ביים אויפשטיין

**א. בחמלת,** דער אויבערשטער דערבאַרעמט זיך אויפן מענטש, וועגן דעם לייגט ער צוריק נשמות אין גוף פון די מענטשן, ווייל ביי נאַכט שלאָפט דער מענטש מיד און איז גלייך צו א טויטן, און דער באַשעפער מיט זיין פיל רחמנות וואַרפט אַ שלאָף אויפן מענטש, אַז דורך דעם שלאָף זאָל אוועק גיין דער מידיקייט פון דער גוף, און די טירחא פון די איברים, און די כוונה פון דעם אויבערשטער איז זיכער נישט אַז דורך דעם זאָל זיך דער מענטש מזרז זיין דער גוף צו אַ עבירה חס ושלום, נאָר אַז ער זאָל דונען דער אויבערשטען.

## זיין געוואָרנט נישט צו צימאַכען די העקלין פון די העמד פון די לינקע האַנד

**ב. ועל כן ,** און וועגן דעם דאַרף דער מענטש אויך צו פארשטיין צו דערפילן דער רצון פון באַשעפער און גלייך ווען ער שטייט אויף זאָל ער זיך וואַשען די הענט און זאָל נישט גיין קיין פיר איילן אָן זיך וואַשען, און דער נאך אַז ער טוט אָן זיינע קליידער זאָל ער זיין געוואָרנט נישט צו צימאַכען די העקלין פון די העמד פון די לינקע האַנד, צו ווייזען דורך דעם אַז די לינקע האַנט איז משועבד צו דער מצוה פון תפילין און איך האָב שוין אויבן גשריבען אַז ווען דער מענטש טוט אָן זיין ציצית איז דעמאלטס אַ עת רצון מתפלל צו זיין ער זאָל ניצול ווערין פון קנאה און שנאה און כעס, וועגן דעם שרייב איך דאָ די פסוקים וואָס זענען מסוגל צו זאָגן ווי אַ תפלה נאָך דער ברכה פון ציצית, און דאָס איז דער נוסח פון די פסוקים און דער תפילה:

"קָרָאתִי בְכָל לֵב, עֲנֵנִי ה', חֻקֶּיךָ אֶצֹּרָה" (תהלים קיט, קמה)

״נדבות פי רצה נא ה׳, ומשפטיך למדני״ (שם שם, קח).

״אגורה באהלך עולמים, אחסה בסתר כנפיך סלה״ (שם סא, ה).

״הצילני מדמים, אלהים אלהי תשועתי, תרנן לשוני צדקתך״ (שסן נא, טז).

״שויתי ה׳ לנגדי תמיד, כי מימיני בל אמוט״ (שם טז, ח)

״נודע ביהודה אלהים, בישראל גדול שמו״ (שם עו, ב)

״אשא כנפי שחר, אשכנה באחרית ים״ (שם קלט, ט).

״תהי ידך לעזרני, כי פקודיך בחרתי״ (שם קיט, קעג).

״חסדך ה׳ מלאה הארץ, חקיך למדני״ (שם שם, סד).

״נאור אתה, אדיר מהררי טרף״ (שם עו, ה).

״מכל פשעי הצילני, חרפת נבל אל תשימני״ (שם לט, ט).

״כחסדך חיני ואשמרה עדות פיך״ (שם קיט, פח).

״עיני תמיד אל ה׳, כי הוא יוציא מרשת רגלי״ (שם כה, טו).

״סעדני ואושעה, ואשעה בחקיך תמיד״ (שם קיט, קיז).

**דערנאָך** זאָל ער לייגן זיין האַנט אויף דער מזוזה און זאָל ארויף לייגן זיין האַנט אויף די אויגן און זאָל מתפלל זיין:

**ג. רבונו של עולם,** נעם אַראָפּ פון מיר שלעכטע מחשבות און איך זאָל געהיט ווערן היינט און יעדער טאָג פון זינד און דעם זכות פון די דריי מצות מזוזה תפילין ציצית, און איך זאָל געהיט ווערן פון עין הרע און פון יעדע כישוף און אַז ער שטייט ביי דער מזוזה זאָל ער אַזוי זאָגן ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד יַחֵד לְבָבִי לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שִׁמְךָ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא בְּכָל לְבָבִי וּבְכָל נַפְשִׁי״ און דער נאָך זאָל ער זאָגין די אכט פסוקים פון אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ (תהלים קיט, לג- מ) וואָס הייבן זיך אָן מיט די אות ה׳ און

ענדיגט זיך מיט די אות י׳ וואָס דאָס איז די אותיות י״ה און דאָס איז מרמז אויף דער שם י״ה און דער נאָך זאָל ער זאָגן די פסוקים (משלי יח, י) ״מִגְדַּל עֹז שֵׁם ה׳ בּוֹ יָרוּץ צַדִּיק וְנִשְׂגָּב״ (תהלים קכב, ד) ״שִׁבְטֵי יָהּ עֵדוּת לְיִשְׂרָאֵל לְהוֹדוֹת לְשֵׁם ה׳״ און דער נאך זאָל ער זאָגן:

**ד. רבונו של עולם,** רבונו של עולם זיי מיך מציל פון יעדע זינד און די זכות פון די דריי מצות מזוזה, ציצית, תפילין, (תהלים לא, ב) ״בְּךָ ה׳ חָסִיתִי אַל אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם בְּצִדְקָתְךָ פַלְּטֵנִי״

**און זאָל** מכוין זיין און דעם פסוק וואָס ער הייבט זיך אָן מיט אַ ב׳ און ענדיגט זיך מיט אַ י׳, וואָס דאָס איז אַ רמז אויף די צוועלף שבטים און זאָל זאָגן:

**רבונו של עולם,** און דעם זכות פון די צוועלף שבטים היט מיך, און זיי מיך מציל פון יעדע זינד און פון יעדע עין הרע עס זאָל נישט שולט זיין, נישט אין מיר און נישט אין מיינע קינדער, און נישט אין מיינע קינדס קינדער ביז אייביג, און זאָל נישט שולט זיין קיין עין הרע, נישט אין מיר, און נישט אין מיינע אייניקלעך ביז אייביג. און קיין עין הרע זאָל נישט שולט זיין נישט אין אונזער געלט, און נישט אין אונזער גוף, השם יתברך זאָל היטן מיין ארויס גיין און מיין אהיים קומען צו חיים און צו שלום פון יעצט ביז אייביג.

**ה׳ ישמר צאתי ובואי לחיים ולשלום מעתה ועד עולם.**

**ה׳ שומרי ה׳ צילי על יד ימיני״.**

**ונדעה נרדפה לדעת את ה׳,**

**נכון כשחר מוצאו.**

**לא יתיצב איש בפניכם, פחדכם ומוראכם יתן ה׳ אלהיכם על פני כל הארץ אשר תדרכו בה, כאשר דבר לכם.**

**מכשפה לא תחיה.**

**ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו.**

**אתה הראית לדעת כי ה׳ הוא האלהים, אין עוד מלבדו.**

**אין דער נאך** אַז ער גייט אַרויס אויף דער גאַס זאָל ער תמיד מהרהר זיין אין די מצות אַזוי ווי איך האָב געשריבן אין אַנדערן פרק.

## פאַרן אַריין גיין אין שול זאָל מען זאָגן ״זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ״

**ה. ותפלה זו,** און די תפלה העלפט ניצול צו ווערין פון רוחות רעות און פון כישוף, און עס העלפט אויך אויף גרויס הצלחה אין משא ומתן, און זיין תפילה גייט ארויף און הימל אונטער דעם כסא הכבוד, און צוויי הייליגע מלאכים זיינען אָן געגרייט צוא באַגלייטען דער וואס גייט ארויס פון זיין הויז אונגעטון מיט טלית און תפילין , און די מלאכים בענטשן אים און געבין נישט קיין רשות צוא די מקטריגים וואָס שטייען ביי די טיר זיי זאָלן אים חס ושלום מזיק זיין, דער נאָך פאַר ער גייט אַריין און שול זאָל ער זאָגן דעם פסוק (תהלים קיח, כ) ״זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ״, און דער נאָך זאָל ער גיין און שול און זאָל מתפלל זיין צום אויבערשטען אַז ער זאָל אים געבין זיין פרנסה בריוח, בהיתר און נישט באיסור און זיין פרנסה זאָל זיין פון די האַנט פון באַשעפער און זאָל נישט זיין איבערגעגעבן און די האַנט פון אַ מענטש .

## סיי גוטס און סיי שלעכטס איז דער מענטש מעורר דורך זיינע מעשים

**ו. בא וראה,** קום און זעה וואָס עס שטייט און זוהר (פר׳ לך לך) רבי אלעזר איז געגאַנגען צו זיין שווער און רבי חיא און רבי יוסי און רבי חזקיה זענען געגאַנגען מיט אים האט רבי אלעזר געזאָגט עס קען אויף דער וועלט נישט געשעהן סיי גוטס און סיי

שלעכטס נאָר דער מענטש איז דאָס מעורר מיט זיינע מעשים, דערפאַר זאל ער אָן הייבן מיט ליבשאַפט עוסק זיין מיט מצות, און דעמאָלטס וועט די שכינה קומען און אויס שפרייטן זיינע פליגיל אויף זיי, און זיי האָבן עוסק געווען און תורה, אינמיטען וועג ווען זיי זענען געגאַנגען האט זיי באַגעגנט רבי ייסא מיט נאָך אַ איד האָט דער איד געזאָגט עס שטייט (תהלים כה, א) "לְדָוִד אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא" און האָט אויף דעם געזאָגט אַ תירוץ, אַז די כוונה פון דוד המלך עליו השלום איז געווען, כדי אַז זיין נשמה זאָל אַרויף גיין צום פלאַץ פון די הויכע קדושה וואָס זיין שורש איז פון דאָרט, וועגן דעם האָט ער נישט געזאָגט מזמור לדוד.

**האָט** רבי אלעזר אים געפרעגט ווי אַזוי ער הייסט? האָט ער אים געענטפער איך הייס יועזר, האָט רבי אלעזר געזאָגט צו יענעם איד אַז, יועזר און אלעזר איז די זעלבע נעמען. און דער יועזר האָט זיי מגלה געווען פיל סודות.

## עס איז נישט ראוי צו נעמען פון זיי קיין געלט אומזינסט

**אמר לי׳,** האָט רבי אלעזר אים געפרעגט וואָס איז דיין אַרבעט? האָט יועזר אים געענטפערט, איך בין געווען אַ מלמד תינוקות אין מיין שטאָט אין יעצט איז געקומען רבי ייסא פון כפר חנן צו מיין שטאָט, האָבען די מענטשען צוגענומען פון מיר די קינדער און האָבן עס געגעבען צו אים [רבי ייסא], אין די שטאָט לייט האָבן מיר געגעבען באַצאָלט אַזוי ווי די צייט וואָס איך האָב געלערענט מיט זייערע קינדער, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען אַז עס איז נישט ראוי צו נעמען פון זיי קיין געלט אומזינסט, וועגען האָב איך מיך פאַרדינגען צו באַדינען מיט רבי ייסא און פון אים מקבל זיין תורה. האָט רבי אלעזר געזאָגט אַז די ברכות פון מיין טאַטען וואָלט מען דאָ געדאַפט האָבן כדי צו בענטשען יועזר מיט פרנסה, זענען אַלע אויפגעשטאַנען און

זענען געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי, און זיי האָבן געלערנט תורה פאַר רבי שמעון בן יוחאי.

**רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט אויף רבי יועזר "ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל".**

**ח. יומא חד,** איין טאָג האָבן זיי עוסק געווען אין הלכות נטילת ידים, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, דער וואָס וואַשט זיך נישט געהעריג צום עסן, חאָטש ער ווערט געשטראָפט אויף יענע וועלט, האָט ער נאָך אויך דער וועלט אַן עונש אַז ער ווערט אַ אָרימאַן. אָבער דער וואָס וואַשט זיך אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין איז ער גורם ברכות פון הימעל אויף זיינע הענט, און ער ווערט געבענטש מיט עשירות, דער נאָך האָט רבי שמעון בן יוחאי געזען אַז רבי יועזר וואַשט זיך זיינע הענט ווי עס דאַרף צו זיין, און מיט אַסאַך וואַסער, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט בדרך תפלה צו השם יתברך, מלא ידיך מברכותיך [ר"ת מים] פיל אָן זיינע הענט מיט דיינע ברכות. אין אַזוי איז טאַקע געווען, אַז ער האָט געטראָפן אַ אוצר, און ער איז געוואָרן רייך, און האָט עוסק געווען אין תורה אַ גאַנצן טאָג. און האָט געגעבען אַסך צדקה און פרנסה פאַר אָרימע לייט בסבר פנים יפות, און רבי שמעון בן יוחאי האָט אויף אים געזאָגט דעם פסוק (ישעיה מא, טז) "ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל".

**ט. נלמד,** פון די מעשה זעהן מיר, אַז אַ מענטש דאַרף אַכטונג געבען אַז ער זאָל פאַרדינען זיין פרנסה, און ער זאָל נישט נעמען צדקה, ווייל ווי מיר זעהן אַז דער חסיד יועזר האָט מען אים אַליין געגעבען געלט, אין פונדעסטוועגן דאָך האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געלט אומזינסט נאָר וואָס ער האָט פאַרדינט מיט זיינע אייגענע הענט און מיט יושר.

**י. וגם צריך,** און אויך דאַרף אַ מענטש געוואָרנט זיין אין נטילת ידים, סיי אין וואַשען זיך פאַרן עסען, און סיי מיטן

וואַשן זיך מים אַחרונים, און דעמאָלטס וועט מקוים ווערן דער פסוק "מלא ידיך מברכותיך", און השם יתברך וועט שיקן ברכה והצלחה אין זיינע ווערק, ובכל אשר יפנה יצליח, און אַלעס ער וואָס ער וועט טוהן וועט ער מצליח זיין.

❖ ❖ ❖

# פרק פ״ו

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די געוואַלדיגע נחת רוח וואָס מען האָט אין הימל בשעת'ן זאָגן פיוטים

**א. כִּי אֶקַּח מוֹעֵד,** דוד המלך עליו השלום האָט געזאָגט "כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפּוֹט", דאָס האָט ער געזאָגט ווייל ער האָט געזען אַז די אידן כאָטש זיי עסן און טרינקען און פרייען זיך אַ שמחה של מצוה, זענען זיי פאָרט עוסק אַ האַלבן טאָג אין תפילות און זענען מאריך אין פיוטים און דערנאָך לערנען זיי תורה, און דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט משרים, די **מ'** איז מרמז צו די פערציג טעג וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן, די **ש'** מיט דריי קעפּלעך איז מרמז אַז כאָטש די אידן זענען עוסק אין שמחת שבת און אויך אין שמחת ימים טובים, פון דעסטוועגן זענען זיי נישט מבטל די דריי תפלות, שחרית מנחה וערבית. און נאָך מער מיר זענען נאָך מוסיף פיוטים און שירות פון קרובץ וואָס דער קרובץ מאַכט קול רנה וישועה באהלי צדיקים, און דאָס איז מרומז אין די אותיות **ר"י** פון משרים, דאָס מאַכט רנה ישועה, און די ענדע **ם** פון מישרים איז מרומז אויף די גאולה, וואָס וועט קומען במהרה, וואָס זי איז מרומז אין ישעיה, אין דעם פסוק למרבה המשרה. צו זאָגן כאָטש מיר פרייען זיך אין אונזער יום טוב, פונדעסטוועגן זענען מיר מתפלל אויף דער גאולה וואָס וועט זיין במהרה, און דעמאָלטס וועט זיין אַן אמת'ע שמחה, אַז השם יתברך וועט דערפרייען ציון און ירושלים.

## דער וואָס זאָגט אַז עס איז נישט קיין גרויסער חיוב צו זאָגען פיוטים, דער איז נישט מאריך ימים חס ושלום

**ב. ואיתא בזוהר,** אין זוהר שטייט אַז די אידן לויבן פריער השם יתברך מיט שירות ותשבחות אין די שולן און אויך אין בתי מדרשים און דערנאָך קומען זיי אַהיים און זענען מסדר

זייער טיש לכבוד שבת און זאָגען דאָס אַלץ איז לכבוד שבת און לכבוד יום-טוב. דעמאָלטס זאָגען די מלאכים: וואויל איז צו דעם פאָלק וואָס זענען זיך אַזוי נוהג. דערפאַר זאָל נישט גרינג זיין אין דיינע אויגען דאָס זאָגען די פיוטים, און עס איז איין חיוב אויף יעדן מענטש צו זאָגען די פיוטים מיט שמחה און מיט כוונה פון דעם האַרץ, וואָרום אין יעדן פיוט איז פאַרהאַן וואונדערליכע סודות, און די פיוטים זאָלן ביי דיר נישט גלייך זיין ווי אַ מעשה, ווייל די פיוטים זענען נתחבר געוואָרן דורך די עצות פון די מלאכים וואָס זענען אַנטפלעקט געוואָרן צו ר׳ אלעזר הקליר וואָס ער האָט מסדר געווען די פיוטים על פי א״ב און על פי תשר״ק. דען אַזוי איז מען מזמר אויף דעם הימעל, און עס איז ביי מיר איין קבלה פון זקנים און חסידים, אַז דער וואָס איז מקיל אין דעם זאָגען די פיוטים, און ער זאָגט, עס איז נישט קיין גרויסער חיוב צו זאָגען זיי, דער איז נישט מאריך ימים חס ושלום, דען אַלע וואָס האָבן מחבר געווען די פיוטים זענען געווען גדולי הדור וואָס צו זיי איז געטאָן געוואָרן פיל נסים ביי זייער לעבן און נאָך זייער טויט.

## אַ מורא׳דיגע מעשה וועגן ר׳ שלמה אלקב״ץ

**ג. וכדמצינו בגדול הדור,** אַזוי ווי מיר געפינען ביי אַ גדול הדור, וואָס ער האָט געהייסן ר׳ שלמה אלקב״ץ, וואָס ער איז בקי געווען אין חכמת הקבלה און אויך אין דקדוק און האָט מחבר געווען פיל פיוטים און מחמת זיין פיל חכמה האָבן די ישמעאלים זיך מתקנא געווען אין אים, און איין ישמעאלי האָט אים גע׳הרג׳ט און האָט אים באַגראָבן אין זיין גאָרטן ביי אַ פייגן בוים, האָט די תאנה געשפּראָצט אירע פירות פאַר די צייט און עס האָט אויף איר געוואַקסן זייער גרויסע און שיינע פייגן, האָבן די אַלע שטאָט לייט זיך פאַרוואונדערט דערויף.

**ד. והדבר בא אל המלך,** אין די זאַך איז אָנגעקומען צום מלך פון די ישמעאלים, האָט דער מלך

געזען די פירות און האָט זיך פאַרוואונדערט, און האָט געשיקט נאָך דעם ישמעאל און האָט אים געפרעגט וואָס פאַר אַ פעולות האָט ער געטאָן די פירות זאָלן פאַרטיג ווערן פאַר די צייט, און פון וועגן פיל פחד האָט דער ישמעאל נישט געקענט ענטפערן. דאָס איז געווען פון השם יתברך כדי דער ישמעאל זאָל געהאָנגען ווערן. האָט דער מלך געהייסן דעם ישמעאל שטראָפן מיט שווערע יסורים. ביז ער האָט געמוזט מתודה זיין, אַז פון דעם טאָג אָן וואָס ער האָט גע׳הרג׳ט, דעם רבי שלמה אלקב״ץ, האָט אויף דעם בוים אָנגעהויבן צו וואַקסן פירות פאַר דער צייט. האָט דער מלך געהייסן דעם רוצח הענגען אויף דעם זעלבן בוים.

### עס איז גוט אינזינען צו האָבן דעם נאָמען פון דעם מחבר בשעת׳ן זאָגן דעם פיוט

**דער כלל איז,** אַז גאָר די עדה גדולי הדור האָבן מתקן געווען די פיוטים, דערפאַר איז גוט אינזינען צו האָבן דעם נאָמען פון דעם מחבר בשעת ער זאָגט דעם פיוט וואָס ער האָט מחבר געווען, און בפרט אין שבתים און ימים טובים, וואָס דעמאָלטס גייען אויף די נשמות מיט די תפילות פון די אידן.

### עס איז אַ גוטער מנהג דעמאָלטס מזכיר נשמות זיין

**ה. ומנהג יפה,** און עס איז אַ גוטער מנהג דעמאָלטס מזכיר נשמות זיין, און אויף זיי מתפלל זיין אַז זייער נשמה זאָל רוען אין דעם היכל צרור החיים, און בפרט ער מוז דערמאַנען די נשמה פון זיין פאָטער און זיין רבי, און ער זאָל נישט זאָגען בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם, פון וועגן וואָס איך בין מנדר צדקה פאַר זייערע נשמות. ווייל טאָמער חס ושלום וועט ער פאַרזוימען צו געבן די צדקה וואָס ער איז מנדר, און דעמאָלטס די נשמה וואָס ער האָט מנדר געווען צדקה פאַר אים וועט זי פאַרקערט ווערן צו אַ מקטרג אויף אים, און אַז ער זאָגט יאָ בעבור שאני וכו׳, זאָל ער זען תיכף נאָך יום טוב

אָפּגעבן דאָס וואָס ער האָט אין זינען געהאַט בשעת מעשה צו געבן פאַר די נשמות, און מען דאַרף דערמאַנען די נשמות פון אונזערע עלטערן די קדושים אין יעדן יום טוב, פון וועגן זייער זכות זאָל ביישטיין צו אונז און צו אונזערע קינדער אויף אייביג אמן.

❖ ❖ ❖